**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/3/2022 **גאווערנאר קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט באשטימונגען צו אנפילן ליידיגע פאזיציעס אין די דריטע דעפּארטמענט, אפעלאט דיוויזיע**

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט באשטימונגען צו אנפילן ליידיגע פאזיציעס אין דעם אפעלאט דיוויזיע פון די סופּרים געריכט, דריטע דעפּארטמענט. די ריכטער וועלכע זענען היינט אויסדערוועהלט געווארן וועלן ברענגען זייער ערפארונג צו די פראצעס געריכטן, באיינדרוקספולע לעגאלע קוואליפיקאציעס, שטארקע געריכטליכע כאראקטער און איבערגעגעבנקייט צו די דריטע דעפּארטמענט. די ריכטער שפיגלען אפ די אויסגעצייכנטקייט און פארשידנארטיגקייט אין די יוסטיץ סיסטעם איבער גאנץ ניו יארק סטעיט.

"עס קומט זיך פאר ניו יארקער די בעסטע און קלוגסטע מענטשן צו היטן אויף זייער יוסטיץ סיסטעם, און איך האב נישט קיין ספק אז די דריי דערוועהלטע וועלן דינען מיט עהרע און כבוד", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיט פארשידנארטיגע ערפארונג און הונטערגרונט, בין איך שטאלץ צו באשטימען די דריי ריכטער צו דעם אפעלאט דיוויזיע, און איך בין זיכער אז זייער דינסט וועט פאראויס רוקן די אינטערעסן פון גערעכטיגקייט פאר ניו יארקער."

די גאווערנער האט באשטימט סופּרים געריכט ריכטער ליסע פישער, ענדרו סעריסיע און עדי מקשען צו אנפילן דריי ליידיגע פאזיציעס אויף דעם אפעלאט דיוויזיע, דריטע דעפּארטמענט. די דריטע דעפּארטמענט דעקט אכט און צוואנציג קאונטיס אין אָפּסטעיט ניו יארק, זיך ציהענדיג פון די מיד-האָדסאן וואלי ביז די קאנאדישע גרעניץ און צו מערב ביז סקיילער און טשימאָנג קאונטיס אין די דרום טייל ראיאן.

<u>געעהרטע ליסע פישער</u>
ליסע פישער דינט אלץ ריכטערין פון די סופּרים געריכט אין די דריטע יוסטיץ דיסטריקט זינט זי איז ערוויילט געווארן אין 2015. בעפאר די סופּרים געריכט איז ריכטערין פישער געווען אן אסיסטענט פובליק פארטיידיגער פון די פאמיליע געריכט דיוויזיע ביי די אָלסטער קאונטי פובליק פארטיידיגער ( Public Defender)'ס אפיס פון 2011 ביז 2014. ריכטערין פישער האט געארבעט אין די פאראגאנגענהייט אלץ אן איינצלנע אדוואקאט פון 1994 ביז 2013. זי האט אויך געדינט אלץ געריכט אטוירני פאר געעהרטער עדווארד ט. פיני ביי די ניו יארק סטעיט אפיס פון געריכט אדמיניסטראציע ( Office of Court Administration) פון 1999 ביז 2007 און אלץ פּאַרט-טיים סטעף אטוירני פאר אָלסטער קאונטי דעפּארטמענט פון סאָושעל סערוויסעס ביז 2001. ריכטערין פישער האט ערהאלטן א JD דעגרי פון Shepard Broad געזעץ קאלעדזש ביי די Nova Southeastern אוניווערסיטעט און א BA דעגרי אין פאליטישע וויסנשאפט פון די סאַוט פלארידע אוניווערסיטעט.

<u>געעהערטער ענדרו ג. סעריסיע</u>
ענדרו סעריסיע האט געדינט זינט 2017 אלץ ריכטער אין די דריטע יוסטיץ דיסטריקט פון די רענסעליער קאונטי סופּרים געריכט. פון 2011 ביז 2016 איז ריכטער סעריסיע געווען א צייטווייליגער ריכטער אין די דריטע יוסטיץ דיסטריקט פון די ניו יארק סטעיט סופּרים געריכט. אין דעם זעלבן צייט איז ער געווען א

ריכטער פון די רענסעליער קאונטי געריכט פון 2009 ביז 2016. אין 2009 איז ריכטער סעריסיע באשטימט געווארן אלץ קאונטי געריכט ריכטער דורך גאווערנער דעיוויד א. פעטערסאן. פון 2005 ביז 2009 האט ער געדינט אלץ אפעלאט געריכט אטוירני אין די דריטע דעפארטמענט פון דעם אפעלאט דיוויזיע פון די NYS סופרים געריכט. אין 2005 איז ריכטער סעריסיע געווען א צייטווייליגער ריכטער פאר די סיטי געריכטן פון אלבאני, רענסעליער און האדסאן. ער האט אויך געדינט אלץ א טאַון ריכטער פאר נאָרט גרינבוש פון 2004 ביז 2009. ריכטער סעריסיע איז געווען אן אטוירני ביי קאַרטער, קאַנבאָי, קעיס, בלעקמאָור, מעלאָוני און לעירד פון 1999 ביז 2004. פון 1998 ביז 1999 איז סעריסיע געווען אן אפעלאט געריכט אטוירני אין די דריטע דעפארטמענט פון דעם אפעלאט דיוויזיע פון די ניו יארק סטעיט סופרים געריכט. ריכטער סעריסיע האט ערהאלטן א JD דעגרי פון אלבאני געזעץ סקול און א BS דעגרי פון SUNY אָניאָנטא.

געעהרטער עדי מקשען

זינט זיין ערוויילונג אין 2020 האט עדי מקשען געדינקט אלץ אן אסאָסיעט ריכטער אין די ערשטע דעפארטמענט פון דעם אפעלאט טערמין פון די ניו יארק סטעיט סופרים געריכט. ריכטער מקשען האט אויך געדינט אלץ ריכטער אין צוועלפטע דיסטריקט פון די ניו יארק סטעיט סופרים געריכט. אין צוגאב איז ריכטער מקשען אן עדזשאָנקט פראפעסאר אין די ביזנעס און פארא-לעגאלע דעפארטמענט פון די בראנקס קאמיוניטי קאלעדזש CUNY זינט 1998. ביי די ניו יארק סטעיט סופרים געריכט איז ער געווען א צייטווייליגער ריכטער פון 2016 ביז 2018 און אלץ 'הייבריד' צייטווייליגער ריכטער אין 2015. פון 2013 ביז 2018 איז ריכטער מקשען געווען א ריכטער אויף די ציווילע געריכט פאר ניו יארק סיטי. ער האט געדינט אלץ ספעציעלער רעפערי פאר די ניו יארק סטעיט סופרים געריכט פון 2008 ביז 2012. ביי די ניו יארק סטעיט סופרים געריכט איז ריכטער מקשען געווען דער הויפט געזעץ קלעריק פאר ריכטערין לאטיע מארטין פון 1999 ביז 2008 און אסאָסיעט געזעץ קלעריק פאר ריכטער פרענק טארעס פון 1998 ביז 1999. ער איז אויך געווען אן אסאָסיעט אטוירני אין די געזעץ אפיסעס פון ראַנעלד פעליגרא פון 1994 ביז 1998. ריכטער מקשען האט ערהאלטן א JD דעגרי פון די געזעץ קאלעדזש ביי סירעקיוס אוניווערסיטעט, אן MPA דעגרי פון די מאקסוועל סקול ביי סירעקיוס אוניווערסיטעט און א BA דעגרי אין סאציאלאגיע פון סעינט לאורענס אוניווערסיטעט.

די יוסטיץ אפשאצונג קאמיטעען (Judicial Screening Committees) פון יעדע פון די פיר אפעלאט דעפארטמענס קוקן איבער אפליקאציעס און פירן דורך אינטערוויוּס פון צענדליגע אפליקאנטן. נאר די אפליקאנטן וועלכע ווערן באשטימט צו זיין "גאר קוואליפיצירט" דורך די קאמיטעען ווערן ווייטער געשיקט צו די גאווערנער זיי צו נעמען אין באטראכט. צו געפונען ווערן צו זיין "גאר קוואליפיצירט" מוזן קאנדידאטן ארויסווייזן ערליכקייט, זעלבסטשטענדיגקייט, פירערשאפט, אינטעלעקט, לעגאלע פעהיגקייט, שיקול הדעת, כאראקטער און ערפארונג.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov

זיך ארויסשרייבן